**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און פארט אויטאריטעט אנאנסירן אפמאך צו שטיצן ערזעצונג פון מידטאון באס טערמינאל**

***סיטי איז מסכים צו ביישטייערן צוקונפטיגע שטייער איינקונפטן פון דריי נייע קאמערציעלע דעוועלאפמענטס פאר 10 ביליאן דאלארדיגע מידטאון באס טערמינאל ערזעצונג און אויסברייטערונג פראיעקט***

***פארט אויטאריטעט האט לעצטנס פארעפנטליכט א פלאן צו ערזעצן עקזיסטירנדע 73-יאר-אלטע געביידע***
***מיט ערשט-קלאסיגע איינריכטונג, שאפנדיג 6,000 יוניאן קאנסטרוקציע דזשאבס***

***טראנספארמאציע פון לאנד'ס גרעסטע און פארנומענסטע באס טערמינאל וועט אריינרעכענען נייע עפנטליכע***
***אפענע שטח, וויניגער אנגעלייגטקייט, בארייכערטע ערפארונג פאר פאסאזשירן און קאמיוניטי***

***א געמאלענע דעזיין פון די טערמינאל איז פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול, ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי (Port Authority of New York and New Jersey) האבן היינט אנאנסירט א נייע אפמאך צו שטיצן די 10 ביליאן דאלארדיגע ערזעצונג און אויסברייטערונג פון די 73-יאר-אלטע פארט אויטאריטעט באס טערמינאל אין מידטאון מאנהעטן. אנערקענענדיג די וויכטיגקייט און אויפטרייבנדע פאטענציאל פון דעם פראיעקט, האט די סיטי פארשפראכן 40 יאר פון שטייער איינקונפטן – ערווארטעט צו העלפן די פארט אויטאריטעט אויפטרייבן א געשאצטע סך הכל פון ביז 2 ביליאן דאלאר, 20 פראצענט פון די קאסט פון דעם פראיעקט – פון דריי פאטענציאלע נייע קאמערציעלע דעוועלאפמענטס אויף דריי פלעצער, צוויי פון וועלכע וועלן שטיין העכער די נייע באס טערמינאל און די דריטע וואס וועט געבויט ווערן ביי א דערנעבנדע לאקאציע אין אייגנטום פון די פארט אויטאריטעט און פריוואטע אייגנטימער, געוואנדן אין די פארלאנג פון די מארקעט. די אפמאך ברענגט דעם חזון פון א פונדאסניי אויסגעשטעלטע באס טערמינאל איין טריט נאענטער צו ווערן א מציאות.

"יעדער איינער וואס קומט אריין צו ניו יארק סיטי דארף באגרוסט ווערן דורך אן ערשט-קלאסיגע רייזע צענטער, און יעצט זענען מיר איין טריט נאענטער צו אן אויפגעלעבטע פארט אויטאריטעט באס טערמינאל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר טוהען מאדערניזירן ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור צו גיבן פריאריטעט פאר עפנטליכע פלעצער, בליהענדע ביזנעסער און די זיכערהייט ארון וואוילזיין פון אלע ניו יארקער. ערזעצן און אויסברייטערן די באס טערמינאל וועט אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט און צוריק אויפבויען א וויכטיגע אריינגאנג צו ניו יארק סיטי."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "פאר צענדליגע יארן האבן ניו יארקער צוגעקוקט ווי די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל פאלט פון די ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וואס עס איז געווען אין די 1950'ער צו די פלעק וואס איז אויף מידטאון היינט. די טעג פון צוקוקן זענען פארביי, און די טעג פון מעשים זענען דא. אונזער אינוועסטירונג אין לויף פון די קומענדיגע יארן און אונזער שותפות מיט די פארט אויטאריטעט וועלן העלפן אנטוויקלען א נייע בריליאנט פאר מידטאון — אן ערשט-קלאסיגע באס טערמינאל וואס וועט צולייגן אקערן פון נייע עפנטליכע פלעצער און געשעפטן, רעדוצירן די אנגעלייגטקייט אין העל'ס קיטשען און פארבעסערן די ערפארונג פון די פאסאנזשירן און די קאמיוניטי אין ארום די טערמינאל, סיי פאר ניו יארקער און סיי פאר באזיכער צו די געוואלדיגסטע שטאט אין די וועלט."

**פארט אויטאריטעט פארזיצער, קעווין אָ'טוּל, האט געזאגט,** "אונזער אפמאך מיט די סיטי צו צושטעלן א טייל פון די פינאנצירונג פאר א נייע מידטאון באס טערמינאל וועט ערלויבן די פארט אויטאריטעט זיך צו פאראויס רוקן מיט א פראיעקט וואס וועט אויפטרייבן עקאנאמישע בענעפיטן פאר אונזער גאנצער ראיאן בשעת'ן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין די קאמיוניטי וואו די טערמינאל געפונט זיך. מיר וועלן ערזעצן די פארעלטערטע דארן אין אויג מיט אן ערשט-קלאסיגע טויער וואס קומט זיך פאר אונזער ראיאן."

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ריק קאטאן, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איבער אן אפמאך צווישן די סיטי און די פארט אויטאריטעט פאר די פינאנצירונג פון א נייע מידטאון באס טערמינאל ערמעגליכט אונז צו בויען אן ערשט-קלאסיגע טויער וואס וועט דראמאטיש פארבעסערן רייזע פון און צו די סיטי בשעת'ן אויך פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר די ארומיגע קאמיוניטיס. מיר זענען דאנקבאר פאר די שווערע ארבעט און די שטיצן פון מעיאר עריק עדעמס און די מיטגלידער פון זיין אדמיניסטראציע וואס האבן געארבעט מיט אונז אויף די אפמאך. מיט די סיטי פארשפרעכנדיג איינקונפטן צו פינאנצירן ביז אזויפיל ווי 20 פראצענט פון דעם פראיעקט, וועלן מיר קענען פאראויס גיין מיט אונזער איבערגעארבעטע פלאן וואס איז מער קאסטבאר אבער לייגט צו באדייטנדע קאמיוניטי בענעפיטן צו דעם פראיעקט. איך באדאנק אויך גאווערנער האקול, די ערוויילטע בעאמטע, קאמיוניטי באורד און די פילע פארמישטע קערפערשאפטן פאר זייער שטיצע ביים אונז העלפן אנקומען צו די אפמאך."

די נייע מידטאון באס טערמינאל וועט ערזעצן די עקזיסטירנדע 73-יאר-אלטע חרוב'ע טערמינאל וואס ארבעט שוין נישט ווי עס דארף צו זיין מיט אן ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וואס פעהלט שוין פון לאנג אויס. די נייע טערמינאל איז דעזיינט צו נאכקומען די פארגעשאצטע וואוקס אין די צאל פאסאנזשירן פון 2040-2050, צו ברענגען אן ערשט-קלאסיגע ערפארונג פאר פאסאנזשירן וואס ערפילט דעם ראיאן'ס פובליק טראנספארטאציע באדערפעניש אין די 21'סטע יאר הונדערט און צו באררייכערן די ארומיגע קאמיוניטי. א געמאלענע דעזיין פון די נייע מידטאון באס טערמינאל איז פארעפנטליכט [דא](#).

די 10 ביליאן דאלארדיגע ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וועט ארייננרעכענען א נייע 2.1 מיליאן סקווער-פיסיגע הויפט טערמינאל, א באזונדערע געביידע פאר סטארעדזש און צוגרייטונג פון עקוויפמענט און נייע ראמפעס פירנדיג דירעקט אריין און ארויס פון די לינקאלן טונעל. די איבערגעארבעטע פלאן פאר דעם פראיעקט – ארייננרעכענענדיג א פארשלאג צו פערמאנענט פארשליסן א טייל פון 41st Street צווישן Eighth Avenue און Ninth Avenue, א צענטראלע הויפט אריינגאנג, מער געשעפטן אויף די שטאק פון די גאס און א אינעווייניגע זאל מיט עטליכע שטאק און נייע עפנטליכע אפענע פלאץ – וועט באררייכערן די ערפארונגען סיי פון פאסאנזשירן און סיי פון די קאמיוניטי ביי די וועלט'ס מערסט-פארנומענע באס טערמינאל. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו שאפן אומגעפער 6,000 שיין-באצאלטע יוניאן קאנסטרוקציע דזשאבס, און איז ערווארטעט צו געבויט ווערן אין פאזעס, מיט א צייטווייליגע טערמינאל און נייע ראמפעס ווערנדיג פארענדיגט אין 2028 און די נייע הויפט טערמינאל ווערנדיג פארענדיגט אין 2032.

די פארט אויטאריטעט'ס פלאן פאר דעם מידטאון באס טערמינאל ערזעצונג פראיעקט שפיגלט אפ געדאנקען וואס זענען צוריקגעהערט געווארן פון די פובליקום דורכאויס ברייטע באמיאונגען צו הערן פון די קאמיוניטי, אריינרעכנענדיג קאמענטארן פון די ניו יארק סיטי רעגירונג, פאסאנזשירן, לאקאלע קאמיוניטי באורדס, געגנטליכע קאאליציעס און ערוויילטע בעאמטע. דער פראיעקט וועט ברענגען א ברייטע רייע פון קאמיוניטי בענעפיטן, אריינרעכנענדיג:

- צוגעקומענע קאפאציטעט צו ערלויבן באסעס וואס פארן צווישן שטעט, וואס שטעלן זיך יעצט אפ אויף די זייט פון די סיטי געסער ארום די באס טערמינאל צו ארויפנעמען און אראפלאזן פאסאנזשירן — צו אריבעררוקן זייערע אפעראציעס אינעווייניג אין די באס טערמינאל און אראפ פון די געסער.
- דאס שאפונג פון כמעט 3.5 אקער פון עפנטליך-צוגענגליכע אפענע פלאץ אויף פארט אויטאריטעט שטח אויף Dyler Avenue, צוריק ברענגענדיג און פארבעסערנדיג די פארבינדונג פאר פיסגייער און די קאמיוניטי.
- נייע צובייס און ריטעיל געשעפטן מיט די פנים צו די גאס פאר די קאמיוניטי, און אזוי אויך צובייס און ריטעיל געשעפטן אינעווייניג אין די באס טערמינאל.
- די קאנסטרוקציע פון באדייטנד-פארבעסערטע און ציהענדע דרויסנדיגע ווענט, באררייכערנדיג די קוואליטעט פון די אויסקוק פון די נייע באס טערמינאל צו ווערן א מעלה אנשטאט א דארן אין אויג פאר די ארומיגע געגנטער. די דעזיין רעכנט אריין אן אייקאנישע אריינגאנג צו אן אפענע זאל אויף Eighth Avenue און West 41st Street.

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נעדלער האט געזאגט,** "עס דערפרייעדט מיך אז די פארט אויטאריטעט און די סיטי זענען אנגעקומען צו אן אפמאך אויף די PILOT'ס פאר די איבערבויאונג פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל. דאס איז גוטע נייעס פאר די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון די סיטי און פאר די בירגער אין מיין דיסטריקט אין העל'ס קיטשען. די נייע באס טערמינאל וועט פארבעסערן לופט קוואליטעט און מאכן אונזערע געסער זיכערער פאר פיסגייער דורכן אוועקנעמען אלע פאסאנזשיר באסעס און באסעס וואס פארן צווישן שטעט פון אונזערע געסער. און צום לעצט, וועט דאס ערזעצן די דארן אין אויג פון א פארעלטערטע און חרוב'ע באס טערמינאל מיט א מאדערנע און ווירקזאמע טראנספארטאציע צענטער וואס קומט נאך די באדערפענישן סיי פון פאסאנזשירן און סיי פון איינוואוינער בשעת'ן ביישטייערן צו די אנגייענדע וואוקס און הצלחה פון ניו יארק סיטי."

**ניו יארק סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר אז די פארט אויטאריטעט און די סיטי אדמיניסטראציע זענען אנגעקומען צו אן אפמאך איבער די PILOT באצאלונגען פאר דעם מידטאון באס טערמינאל ערזעצונג פראיעקט צו העלפן פינאנצירן דעם 10 ביליאן דאלאריגן פראיעקט. דער היינטיגער טאג איז א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון ערזעצן די יעצטיגע חרוב'ע 73-יאר-אלטע געביידע, וואס איז די פארנומענסטע באס טערמינאל אין די גאנצע וועלט. איך קוק ארויס צו די טאג וואס די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל גייט פון 'די ערגסטע' צו 'די ערשטע' אין די אויגן פון מיליאנען ניו יארקער וואס נוצן אדער וואוינען נעבן די טערמינאל, אריינרעכנענדיג די בירגער אין מיין דיסטריקט אויף די וועסט סייד פון מאנהעטן."

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי מיטגליד, טאָוני סימאָן, האט געזאגט,** "די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל איז איינס פון די צענטראלע טראנספארטאציע צענטערן פון אונזער סיטי. די פלאן צו בויען א נייע סטאנציע איז א מאסיווע אינוועסטירונג דורך די פארט אויטאריטעט צו פארבעסערן די פארמעגנס פון די פובליקום אין מאנהעטן, פון צוגעשטעלטע טראנספארטאציע ביז פארבעסערונג פון טראפיק. נישט נאר וועט די נייע סטאנציע אראפנעמען באסעס פון די גאס, נאר עס וועט אויך שאפן נייע גרינע שטחים פאר די וועסט סייד. די פארט אויטאריטעט האט געארבעט פון די נאענט מיט די לאקאלע קאמיוניטי באורד צו אוועקשטעלן א פלאן וואס ארבעט פאר איינוואוינער אין די געגנט און אזוי אויך פאר די

צענדליגע טויזנטע פאסאנזשירן וואס קומען אריין אין ארויס פון די באס טערמינאל יעדן טאג. די PILOT אפמאך איז א קריטישע טריט פאראויסביים מאכן דעם חזון פאר א נייע סטאנציע א מציאות, און איך בין פרייליך צו זעהן אלע פארמישטע קערפערשאפטן ארבעטנדיג אזוי נאענט צוזאמען צו פארבעסערן די צוקונפט פון טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור פאר אלע ניו יארקער."

**מאנהעטן באראו פרעזידענט, מארק לעווין, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איבער א PILOT אפמאך פאר דעם פארט אויטאריטעט באס טערמינאל ערזעצונג פראיעקט צייכנט אפ א וויכטיגע דערגרייכונג אין די איבערבויאונג פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל. איך בין דאנקבאר פאר די סיטי און די פארט אויטאריטעט פארן ארבעטן צו אנקומען צו די אפמאך וואס וועט מאכן דעם היסטארישן פראיעקט פאר א מציאות. איך קוק ארויס צו האבן ביים ענדע א נייע באס טערמינאל אין מאנהעטן וואס וועט פארבעסערן די ערפארונג פון רייזנדע און לאקאלע איינוואוינער, ברענגן נייע ריטעיל געלעגנהייטן צו דעם ראיאן און פארגרינגערן די אנגעלייגטקייט פון באסעס אויף די גאסער."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד, עריק באטשער, האט געזאגט,** "די היסטארישע אפמאך צייכנט אפ א ווענדפונקט פאר אונזער סיטי און פאר די פארט אויטאריטעט. די פארפליכטונג צו ערזעצן די פארעלטערטע באס טערמינאל איז נישט בלויז אן אינוועסטירונג אין אינפראסטרוקטור, נאר א באשטעטיגונג איבער אונזער איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די טעגליכע רייזעס פון טויזנטע ניו יארקער. די היינטיגע ערגרייכונג איז עדות איבער וואס מיר קענען ערגרייכן ווען מיר גיבן פריאריטעט פאר די באדערפענישן פון אונזער קאמיוניטי און ווען מיר ארבעטן צוזאמען צו בויען א מער פארבינדענע און צוגענגליכע סיטי. איך וויל באדאנקען די עדעמס אדמיניסטראציע פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו דעם וויכטיגן פראיעקט און אזוי אויך די שותפות פון מיינע ערוויילטע קאלעגן, די פארט אויטאריטעט און קאמיוניטי באורד 4 אויף די באדייטנדע אינוועסטירונג פאר די צוקונפט פון ניו יארק סיטי."

**Building and Construction Trades Council of Greater New York פרעזידענט, גערי לאבאַרבארע, האט געזאגט,** "די ערזעצונג און אויסברייטערונג פון ניו יארק סיטי'ס מידטאון באס טערמינאל איז א נויטיגער און גרויסארטיגער פראיעקט וואס וועט פארבעסערן אונזער גרויסארטיגע אינפראסטרוקטור און פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע — דאס אלעס בשעת'ן שאפן טויזנטע יוניאן קאריערעס וואס קענען אויסהאלטן א פאמיליע. מיר אפלאדירן מעיאר עדעמס און די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי פארן ארבעטן צוזאמען צו פינאנצירן די קריטישע דעוועלאפמענט וואס וועט גיבן פאר ניו יארקער און פאר אונזערע באזיכער א פולקאם מאדערניזירטע און ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע צענטער אין די הארץ פון מידטאון. אונזערע פעהיגע מענער און פרויען קוקן ארויס צו מאכן דעם פראיעקט געשליפן און צו גיין אויף די וועגן צו די מיטעלע קלאס וואס דאס שאפט פאר זיי און פאר זייערע קאמיוניטיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418